**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/28/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי אנאנסירן 50 פראצענטיגע פרייז רעדוקציע פאר די 'עיר טרעין' אין JFK צו מוטיגן מענטשן צו נוצן פובליק טראנספארטאציע דורכאויס די הויכפונקט פון די זומער קאנסטרוקציע אקטיוויטעט ביי JFK**

***רייזעס אין די זומער זענען פארגעשאצט צו איבערשטייגן 18 מיליאן פאסאנזשירן ביי JFK, א נייע רעקארד און 700,000 מער פון פארגאנגענע יאר, אזוי ווי קאנסטרוקציע פון נייע לופטפעלד איז פולשטענדיג אונטערוועגס***

***אנגעהויבן פון יולי 1, וועט די פרייז פאר איין וועג מיט עיר טרעין JFK אראפגענידערט ווערן צו $4.25 ביז לעיבאר דעי אזוי ווי די גאווערנער מוטיגט מענטשן צו אנקומען צו די לופטפעלד נוצנדיג די סאָבוועי אדער LIRR פון ניו יארק סיטי, האדסאן וואלי אדער לאנג איילענד***

***פארט אויטאריטעט מוטיגט רייזנדע צו באזוכן [Construction.JFKAirport.com](http://Construction.JFKAirport.com) פאר לעצטע קאנסטרוקציע נייעס און רייזע מעלדונגען בעפארן זיך ארויסלאזן צו JFK***

גאווערנער קעטי האקול און די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי (Port Authority of New York & New Jersey) האבן היינט אנאנסירט אז די פרייז פאר איין וועג מיט די עיר טרעין אין JFK וועט אראפגעלאזט ווערן מיט 50 פראצענט אנגעהויבן יולי 1 ביז לעיבאר דעי צו מוטיגן די באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע ביים אנקומען צו דזשאן עף קענעדי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד. א רעקארד-הויכע צאל רייזנדע וועלן זיך נעמען צו די הימלען אין די צייט וואס די לופטפעלד'ס 19 ביליאן דאלארדיגער טראנספארמאציע פראיעקט, אריינרעכענענדיג א גענצליך נייע נעטווארק פון שאסייען, קומט אן צו די הויכפונקט פון קאנסטרוקציע אקטיוויטעט אין די זומער.

"מיט טראנספארמאטיווע קאנסטרוקציע אונטערוועגס ביי JFK, טוהען מיר אונטערנעמען שריט צו פארמינערן רייזע פארשפעטיגונגען און צו קלאר מאכן דאס איז וואס איז שטענדיג געווען ריכטיג — עס איז נישטא קיין בעסערע אפציע פון נעמען די באן צום פליגער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר הויבן אן א פארנומענע זומער, טוהען מיר דאס מאכן אפאָרדעבעל פאר רייזנדע זיך צו באנוצן מיט די עיר טרעין, אפפערנדיג ניו יארקער און באזיכער פון ארום די וועלט די ערשט-קלאסיגע רייזע ערפארונג וואס קומט זיך זיי."

די $4.25 עיר טרעין JFK טיקעט פרייז וועט זיין ביי די דזשעמעיקע און האָווערד ביטש סטאנציעס, די צוויי סטאנציעס אינדרויסן פון די לופטפעלד וואו מען דארף באצאלן פאר א רייזע דורך OMNY אדער MetroCard. דזשעמעיקע איז בלויז 20 מינוט פון גרענד צענטראל מעדיסאן, פען סטאנציע אדער אטלאנטיק טערמינאל דורך די לאנג איילענד רעיל ראָוד (Long Island Rail Road, LIRR), און עס איז גרינג צו אנקומען אהין פון לאנג איילענד. גרינגע סאָבוועי פארבינדונגען זענען אויך דא ביי די Sutphin Blvd-Archer Av-JFK Airport און האָווערד ביטש סאָבוועי סטאנציעס דורך די A, E, J און Z ליניעס.

פאר רייזנדע וואס מוזן נעמען א קאר צו די לופטפעלד, האט די פארט אויטאריטעט געעפנט א לאט צו אראפלאזן און אויפנעמען פאסאנזשירן אויפן לופטפעלד ביי די Lefferts Blvd סטאנציע פון עיר טרעין JFK, פון וואו זיי קענען נעמען אן אומזיסטע 8-מינוטיגע רייזע מיט די עיר טרעין צו די לופטפעלד טערמינאלן, כדי צו העלפן פאסאנזשירן אויסמיידן שווערע טראפיק אין פארנט פון די טערמינאלן. פארקינג ביי די לופטפעלד וועט זיין גאר באגרעניצט, און פאסאנזשירן וואס פלאנירן צו פארקירן זאלן רעזערווירן פון פאראויס אויף JFKAirport.com כדי צו גאראנטירן א פלאץ.

**פארט אויטאריטעט טשעירמאן, קעווין אָ'טוּל, האט געזאגט,** "אין די הויכפונקט פון JFK's מאנומענטאלע טראנספארמאציע, בלייבט אונזער פריאריטעט צו זיכער מאכן אז רייזנדע האבן פארלעסליכע צוטריט דורכאויס די פארנומענע קאנסטרוקציע ארבעט. דורכן שניידן די עיר טרעין JFK טיקעט פרייזן אין האלב דעם זומער, גיבן מיר א רייץ צו נוצן פובליק טראנספארטאציע כדי צו פארגרינגערן די אנגעלייגטקייט דורכאויס רעקארד-ברעכנדע צאלן פון רייזנדע. עיר טרעין JFK וועט זיין די בעסטע וועג צו פארן אין די בעפארשטייענדע חודשים, און די פארט אויטאריטעט מאכט דאס מער אפאָרדעבעל פאר פאסאנזשירן אריבער דעם ראיאן."

**פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ריק קאטאן, האט געזאגט,** "די היסטארישע, 19 ביליאן דאלארדיגע טראנספארמאציע פון JFK איז א פארנעם וואס געשעהט אמאל אין א דור גייט מער און מער אריין אין שוואונג מיט יעדע טאג וואס גייט פארביי. מיר גייען אריין אין אונזער פארנומענסטע קאנסטרוקציע תקופה בשעת'ן האנדלען מיט רעקארד-הויכע צאלן פאסאנזשירן, און דערפאר וועט די טראפיק אין די לופטפעלד דעם זומער זיין זייער אנגעלייגט. ביים קומען צו- אדער פארלאזן די לופטפעלד, קענען מיר נישט שטערקער רעקאמענדירן אז רייזנדע זאלן נוצן די מערערע באן און סאָבוועי אפציעס וואס זענען פארלעסליך דא צו נוצן. דערפאר טוהען מיר אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון פובליק טראנספארטאציע דורכן רעדוצירן די עיר טרעין JFK טיקעט פרייזן מיט 50% דעם זומער. א נייע ערשט-קלאסיגע JFK איז שוין אט דא. מיר בעטן פאר געדולד, און מיר אנטשולדיגן זיך פון פאראויס פאר אומבאקוועמליכקייטן פאראורזאכט דורכאויס די קאנסטרוקציע תקופה."

סיי אינדוסטריע אנאליסטן און סיי די פארט אויטאריטעט אליין שאצן פאר אז עס וועלן זיין רעקארד-ברעכנדע צאלן פון פאסאנזשירן דעם זומער וואס וועט פירן דערצו אז JFK זאל אריינגעמען 700,000 מער פאסאנזשירן פון לעצטע זומער. פון יעצט ביז לעיבאר דעי וועט די לופטפעלד אויסשטיין די צוויי-פאכיגע שוועריגקייט פון רעקארד-הויכע צאלן פון לופט רייזנדע צוזאמען מיט די הויכפונקט פון קאנסטרוקציע אקטיוויטעטן פאר די 19 ביליאן דאלארדיגע איבערבויאונג פון JFK, דער סאמע-גרעסטער קאנסטרוקציע פראגראם צו אונטערגענומען ווערן ביז היינט אויף א פארט אויטאריטעט לופטפעלד.

די לופטפעלד'ס נייע טערמינאל 1, א נייע טערמינאל 6, א נייע ערדישע טראנספארטאציע צענטער און די פארט אויטאריטעט'ס JFK שאסיי נעטווארק איבערבויאונג זענען אלע פולשטענדיג אונטערוועגנס. די נייע שאסיי נעטווארק ווען דעזיינט ווערן צו ברענגען רייזנדע פון און צו זייערע טערמינאלן מיט זעקס מייַלן פון נייע שאסייען, 30 פראצענט וויינער פלעצער וואו דרייווערס דארפן מאכן א באשלוס וואו זיך צו דרייען און פיל ווייניגער אינטערסעקשענס מיט טראפיק סיגנאלן. קאנסטרוקציע אויף די 1.24 ביליאן דאלארדיגע שאסייען און ערדישע טראנספארטאציע צענטער האט זיך אנגעהויבן דעם פרילינג.

די פארט אויטאריטעט איז ארויסגעקומען מיט אן ארומנעמיגע באצאלטע מידיע קאמפיין צו פארשפרייטן די באקאנטשאפט איבער די רעקארד-הויכע צאלן פון רייזנדע און די קאנסטרוקציע-פארבינדענע שטערונגען, און אזוי אויך צו גיבן למעשה'דיגע רעקאמענדאציעס פאר רייזנדע, נוצנדיג באצאלטע סירטש ענדזשין, סאָושעל מידיע, דיגיטאלע פלאטפארמעס, ראדיאו און נאך.

**טראנספארמירן JFK צו ווערן אן ערשט-קלאסיגע גלאבאלע פארט**
אין יונאר 2017, די JFK וויזיע פלאן איז געמאלדן געווארן צו טראנספארמירן JFK צו א וועלט-קלאס עירפארט ווי עס קומט זיך פאר ניו יארקער. די וויזיע פלאן שטעלט צו א סטראטעגישע פרעימווארק פאר די פארט אוטאריטעט און איר שותפים צו גענצלעך רידיוועלאפען, טוישן און פארגרעסערן עקזיסטירענדע פאציליטעטן און אינפראסטרוקטאר. די 9.5 ביליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט פון א הערליכע נייע טערמינאל 1, וואס וועט זיין א וויכטיגע פלאץ אין די לופטפעלד'ס דרום זייט, האט אנגעהויבן די ארבעט אין סעפטעמבער 2022. א נייע 4.2 ביליאן דאלארדיגע טערמינאל 6, וואס וועט זיך גלאטערהייט פארבינדן מיט טערמינאל 5 צו שאפן א צענטראלע טערמינאל אויף די לופטפעלד'ס צפון זייט, האט אנגעהויבן די ארבעט אין פעברואר 2023. די 1.5 ביליאן דאלארדיגע פארברייטערונג פון טערמינאל 4, אנגעפירט דורך די Delta לופטליניע און דורך JFK אינטערנאציאנאלע לופט טערמינאל ( JFK International Air Terminal, JFKIAT), איז שוין מער ווייניגער פארטיג. אין צוגאב איז די 400 מיליאן דאלארדיגע איסברייטונג פון טערמינאל 8, אנגעפירט דורך Americal Airlines וואס האלט אויף די טערמינאל, פארענדיגט געווארן אין נאוועמבער 2022.

אלע פון די פריוואט-פינאנצירטע טערמינאל פראיעקטן צוזאמען מיט די פארט אויטאריטעט'ס שאסיי, פארקינג און אינפראסטרוקטור פראיעקטן זענען צוזאמען א 19 ביליאן דאלארדיגע טראנספארמאציע פון JFK און אן אויסערגעווענטליכע סעריע פון שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן. די פארט אוטאריטעט'ס קאפיטאל אינוועסטירונג פון $3.9 ביליאן טוט העבלן פריוואטע אינוועסטירונגען ביי א ראטע פון באלד פיר צו איינס ווען נעמענדיג אין חשבון די פולע פריוואטע אינוועסטירונג פון מער פון $15 ביליאן דאלאר וואס איז געווארן צוגעזאגט צו די פיר פראיעקטן ואוס באשטיין פון די פולע רידיוועלאפמענט פון JFK

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן